# ויאמר אליהו

שמועסן און חיזוק ווערטער, אין אמונה און בטחון

מאת הרב **אלי' מאיר סמיט** שליט"א

בית המדרש תוספות יו"ט ירושלים » 347-897-9968 \ 058-323-

אין אידיש

ערב שב"ק פרשת

דברים - חזון

ז' מנחם אב שנת תשפ"ה


בס"ד

# פעסטע אמונה איז די יסוד אז א מענטש זאל קענען ליעב האבן זייך חבר אין א יעדן פאל!!!

### » 'אמונה' איז דוקא ווען מען זעהט נישט דעם אייבערשטן!!

עס שטייט אין די וואכעדיגע פרשה (דברים א, לא-לב), וּבַמִּדְבָּר אֲשֶׁר רָאִיתָ אֲשֶׁר נְשָׂאֲךָ ה' אֱלֹקֶיךָ וגו' וּבַדָּבָר הַזֶּה אֵינְכֶם מַאֲמִינִם בַּה' אֱלֹקֵיכֶם.

**כדי** צו וויסן וואס הייסט אמת'ע אמונה, דארף מען מקדים זיין. אין די תורה שטייט (דברים א, לא-לב), וּבַמִּדְבָּר אֲשֶׁר רָאִיתָ אֲשֶׁר נְשָׂאֲךָ ה' אֱלֹקֶיךָ וגו' וּבַדָּבָר הַזֶּה אֵינְכֶם מַאֲמִינִם בַּה' אֱלֹקֵיכֶם, און לכאו' איז שווער, פארוואס שרייבט די תורה די לשון 'ובדבר הזה אינכם מאמינים' - אין די זאך גלייבט איר נישט, לכאו' וואלט געדארפט שטיין 'איר גלייבט נישט'.

**איז** די הייליגער **בני יששכר זי"ע** מסביר (אגרא דכלה ד"ה ובמדבר), אז די עיקר עבודה פון א מענטש אויף דער וועלט איז אמונה אינעם אייבערשטן אפי' ווען עס איז פארהאן א הסתר פנים, און עס זעהט אויס פונסטער. ווייל ווער עס גלייבט אינעם אייבערשטן נאר ווען דער אייבערשטער פירט זיך מיט איהם מיט רחמים און חסדים, אזא איינער קען נישט ווערן אנגערופן א 'מאמין', ווייל אין וואס 'גלייבט' ער, ער זעהט דאך אלעס קלאר, מען דארף בכלל נישט צוקומען צו 'גלייבן'. אמונה מיינט דוקא איינער וואס זעהט נישט די גוט'ס און די טובה פונעם אייבערשטן, און מיט דעם אלעמען שטארק ער זיך צו 'גלייבן' אז דער אייבערשטער באהאלט זיך אין דער וועלט, און אז ער געפונט זיך אונטער אלעס וואס עס פאסירט איהם.

**און** דאס איז פשט אין פסוק 'ובדבר הזה', 'זה' מיינט אלעמאל א זאך אויף וואס מען קען ווייזן מיט די פינגער, און מען זעהט עס קלאר, און דאס איז וואס די תורה וויל אונז לערנען, אז א זאך אויף וואס מען קען קלאר ווייזן מיט די פינגער, 'אינכם מאמינים', דאס הייסט נישט קיין אמונה.

**און** דוד המלך זאגט שוין אין תהלים לְהַגִּיד בַּבֹּקֶר חַסְדֶּךָ וֶאֱמוּנָתְךָ בַּלֵּילוֹת (תהלים צב, ג), דאס הייסט, אז אמונה דארף מען האבן 'בלילות' אין די טונקעל, ווייל אין די פריעדיגע דורות ווען עס איז נאך געווען לעכטיג, דעמאלטס האט מען געזעהן קלאר די חסדים פונעם אייבערשטן און עס איז געווען גוט, דאגעגען היינט צוטאגס ווען עס איז געווארן א טונקלקייט, וואס די ליכט פון חסדים זענען פארשטעלט געווארן, דארף מען נוצן דעם אמונה, ווייל מיט אמונה קען מען אריבערגיין אלע שווערסטע מצבים, און דאס איז די גרויסקייט פון אמונה, און אויף דעם וועט מען אוודאי תובע זיין א מענטש ווייל דאס איז שייך אן א יעדן דור, און כ"ש אין אונזער טונקעלע דור.

**מיר** טרעפן אז אברהם אבינו האט זוכה געווען די אזא ליבשאפט פונעם אייבערשטן דורך דעם וואס ער איז בייגעשטאנען די נסיונות, אין געגלייבט אינעם אייבערשטן בשעת די שוועריקייט, און נישט מהרהר געווען נאך די הנהגה פונעם אייבערשטן.

**דאס** הייסט, אז כאטש די באשעפער האט זיך נישט אנטפלעקט צו איהם מיט אזא אפענע התגלות, אזוי ווי ער האט זיך אנטפלעקט צו משה רבינו, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק וּשְׁמִי [ה'] לֹא נוֹדַעְתִּי לָהֶם (שמות ו, ג), און אויך האט ער נישט זוכה געווען צו די התגלות וואס אלע אידן האבן זוכה געווען צו זעהן ביי די אלע נסים פון יציאת מצרים, קריאת ים סוף, און דערנאך ביי מתן תורה, מיט דעם אלעם שטייט אין פסוק וּמָצָאתָ אֶת לְבָבוֹ נֶאֱמָן לְפָנֶיךָ (נחמיה ט, ח), ווייל די גאנצע נחת רוח פונעם אייבערשטן איז נאר ווען דער מענטש שטייט ביי דעם שווערן נסיון, אז אפי' ער זעהט נישט די טובה און די יושר מיט זיינע גשמיות'דיגע אויגן, מיט דעם אלעם גלייבט ער אינעם אייבערשטן.

**אזוי** ווי די מדרש דרש'ענט אויפן פסוק לְהַגִּיד בַּבֹּקֶר חַסְדֶּךָ וֶאֱמוּנָתְךָ בַּלֵּילוֹת (תהלים צב, ג) 'דאס איז דער עולם הזה וואס איז געגליכן צו די נאכט' (ילק"ש שם), ווייל אמונה קומט ארויס דוקא פון טינקעלקייט 'בלילות', ווען מען זעהט נישט די הנהגה פונעם אייבערשטן אזוי אפן.

**און** דאס איז געווען די נסיון די ביי די הבטחה פון קינדער. די גרויסקייט פון די אמונה פון אברהם אבינו אינעם צוזאג פונעם אייבערשטן איז אין דעם וואס אברהם אבינו האט געגלייבט אין דעם אפי' בשעת מעשה ווען עס האט אויסגעזעהן ווי חוץ לדרך הטבע, אזוי ווי די **ספורני** איז מסביר פארוואס שרה אמנו האט געלאכט, און ער שרייבט ווי פאלגענד: "זי האט געמיינט אז דאס איז א ברכה פון די מלאך אליין, אזוי ווי אלישע האט געבענטש די אשה השונמית, און זי האט נישט געוואוסט אז דאס איז א שליחות און א נבואה פונעם אייבערשטן, דעריבער האט זי געטראכט אז אזא ברכה קען נישט מקוים ווערן ביי אזלעכע אלטע מענטשן, ווייל צוריקצוברענגען אינגקייט צו אלטע מענטשן, דאס איז גלייך ווי מחיה מתים זיין, און דאס קען זיין נאר אויב די באשעפער הייסט, אדער דורך תפלה, אז מען באקומעט חן אינעם אויגן פונעם אייבערשטן".

**און** דאס איז וואס **רש"י** וויל ארויסברענגען אויפן פסוק וַיַּחְשְׁבֶהָ לּוֹ צְדָקָה (בראשית טו, ו), אז דער אייבערשטער האט גערעכנט פאר אברהם אבינו די עצם אמונה אין איהם אלץ א מורא'דיגע נאמנות, ווייל די שטארקייט פון די אמונה ביי אברהם אבינו איז געווען, אז נאכן צוזאג פונעם אייבערשטן, איז עס געווען אין זיינע אויגן כאילו עס האט שוין פאסירט למעשה, אזוי פשוט אן קיין שום ספיקות.

### » וואס איז די שייכות צווישן 'שנאת חינם' און 'אמונה'?!

די גמ' זאגט (יומא ט:) ווי פאלגענד: "די ערשטע בית המקדש פארוואס איז חרוב געווארן, וועגן דריי זאכן וואס איז געווען דארט, עבודה זרה גילוי עריות און שפיכות דמים וכו', זיי זענען געווען רשעים, נאר זיי האבן זיך פארזיכערט אינעם אייבערשטן. אבער די צווייטע בית המקדש, וואס מען איז געזעצן און געהארוועט אין תורה און מצוות און אין גמילות חסדים, פארוואס איז עס חרוב געווארן. נאר ווייל עס איז געווען שנאת חינם. (נאך שטייט דארט, אז ביי די ערשטע בית המקדש, וואס זייער זינד איז אנטפלעקט געווארן, איז די סוף פון די גלות אויך אנטפלעקט געווארן, דאגעגען ביי צווייטע בית המקדש, וואס זייער זינד איז נישט אנטפלעקט געווארן, איז אויך נישט אנטפלעקט געווארן די ענדע פון די גלות).

**און** קלארער שטייט עס איז ירושלמי (יומא א, ג), ווי די גמ' זאגט "מיר טרעפן איז די ערשטע בית המקדש איז נישט חרוב געווארן נאר ווייל מען איז געווען עובדי עבודה זרה, און מגלה געווען עריות און געווען שופך דמים. אבער אין די צווייטע בית המקדש ווייסן מיר דאך אז זיי האבן געהארוועט אין דתורה און אכטונג געגעבן אויף מצוות און אויף מעשרות, און א יעדע גוטע פירונג איז געווען ביי זיי, נאר זיי האבן ליעב געהאט געלט און פיינט געהאט איינע די אנדערע פאר גארנישט. און שנאת חינם איז אזוי געפערליך, אז עס וועקט איבער עבודה זרה גילוי עריות און שפיכות דמים.

**און** די גר"א איז דאס מסביר (אין ספר ביאור הגר"א אויף אגדות חז"ל סבי דבי אתונא), אז די מקור פון שנאת חינם קומט דורך א חסרון פון אמונה, ווייל ווער איז דער וואס האט פיינט זיין חבר 'פארגארנישט', יעדער איינער האט דאך א סיבה פארוואס ער האט פיינט זיין חבר, אדער ווייל' ער האט איהם מזיק געווען עפעס אדער ווייל ער האט איהם פארשעמנט אד"ג, נאר פשט פון דעם איז, אז ווען דער מענטש וואלט געגלייבט אז דער אייבערשטער פירט אלעס וואס טוהט זיך אפ

אין די וועלט, און נישט זיין חבר האט איהם עס געטוהן, ווייל א מענטש אליין קען נישט גוט'ס טוהן אדער שלעכטס טוהן פאר א צווייטע מענטש אפי' נישט מיט קיין האלבע שווה פרוטה, וואלט זיין גאנצע שנאה בכלל נישט ארויף געקומען. און דאס מיינט 'שנאת חינם', ער האט פיינט זיין חבר פאר גארנישט, ווייל עס האט נישט גארנישט מיט איהם.

**דעריבער** אין בית ראשון, כאטש וואס זיי זענען געווען אמת'ע רשעים, ווי מען זעהט אז זיי האבן עובר געווען אויף די שלש עבירות חמורות, אבער מיט דעם אלעמען איז זייער הארץ געווען גוט, און האבן זיך פארזיכערט אינעם אייבערשטן, דעריבער איז אנטפלעקט געווארן די ענדע צו זייער גלות. דאגעגן אין בית שני, וואס זיי זענען געווען פון אינדרויסן צדיקים, אבער אינעווייניג אין הארץ האבן זיי זיך פיינט געהאט און נישט געגלייבט אינעם אייבערשטן, דעריבער איז נישט אנפלעקט געווארן די ענדע פון די גלות, ווייל חסרון אין אמונה איז ערגער פון אלעס, און דאס איז גורם צו יעדע קנאה און שנאה.

**און** מיט דעם האבן צדיקים (ווערט געברענגט בשם דעם הייליגן ישמח משה זי"ע) מסביר געווען וואס די גמ' זאגט (ברכות לג.) "האט רבי אלעזר געזאגט, א יעדער וואס האט דעת, איז דאס כאילו די בית המקדש איז געבויעט געווארן אין זיינע טעג". און לכאו' וואס פארא שייכות איז דא צווישן 'דעת' און דאס אויפבוי פונעם בית המקדש.

**נאר** פשט פון דעם איז, אז די בית המקדש איז דאך חרוב געווארן וועגן שנאת חינם, און כדי צו האבן אהבת חינם דארף מען האבן אסאך שכל, צו קענען זעהן מיט די אויגן איין זאך, אבער גלייבן מיטן הארץ אז אלעס וואס טוהט זיך אפ אויף דער וועלט איז נאר פונעם אייבערשטן, וואס דאס איז די שליסל צו האבן אהבת חינם אין א יעדע מצב.

**» מיט וואס זענען אונז גלייך צו מלאכי השרת?!**

**עס** שטייט אין די וואכעדיגע פרשה לֹא תִקֹּם וְלֹא תִטֹּר אֶת בְּנֵי עַמֶּךָ וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ אֲנִי ה' (ויקרא יט, יח), און **רש"י** ברענגט די מאמר חז"ל "איינער זאגט פארן צווייטן בארג מיר דיין מעסער, זאגט ער איהם ניין, צומארגנ'ס בעט איהם זיין חבר זיין האק, זאגט ער 'ניין, אזוי ווי דו האסט מיר נעכטן נישט געבארגט', דאס הייסט 'נקמה', אויב זאגט ער פאר זיין חבר בארג מיר דיין האק, און די חבר זאגט זיך אפ, און צומארגנ'ס בעט איהם זיין חבר בארג מיר דיין מעסער, און ער ענטפערט 'נעם דיר, און איך בין נישט אזוי ווי דיר וואס דו האסט מיר נישט געבארגט', דאס הייסט נטירה, ער האלט די פיינטשאפט אין הארץ, אפי' ער נעמט נישט נקמה", עכ"ל.

**די מסילת ישרים** שרייבט אויף די נושא פון נקימה און נטירה, אז דאס זענען מדות וואס ליגן נאטורליך אין הארץ פון א מענטש, וואס נישט גענוג אז ער וויל נישט גוטס טוהן פאר א מענטש, וויל ער נאך איהם שלעכטס טוהן, און דעריבער האט אונז די תורה אנגעווארענט 'לא תקום', און נקמה מיינט צוריקצוהאלטן פון גוטס צו טוהן פאר א חבר וואס האט דיר שלעכטס געטוהן, און 'נטירה' מיינט צו געדענקן די שלעכטס וואס די חבר האט געטוהן - און די צייט וואס מען טוהן איהם יא גוטס."

"**און** וויבאלד די יצר הרע קאכט אויף די הארץ פונעם מענטש, און פראבירט צו לאזן ביים מענטש כאטש עפעס א זכר פון די שלעכטס וואס זיין חבר האט איהם געטוהן, דעריבער קומט די תורה און מאכט א כלל וואס אלעס איז נכלל אין דעם כלל, און דאס איז די מצוה 'ואהבת לרעך כמוך' - זאלסט ליב האבן דיין חבר אזוי ווי דיר אליין, אן קיין שום הפרש, אזוי ווי דיר אן קיין שום חילוקים, אן קיין תחבולות און פלענער, אזוי ווי דיר ממש!"

**און** פארדעם שרייבט ער נאך, מיט דעם פאלגענדן לשון: "אויך פון נקמה און נטירה איז זייער שווער אז די שפעטיגע הארץ פון א מענטש זאל געראטעוועט ווערן פון דעם, ווייל א מענטש פילט זייער שטארק די פארשעמונגען פון זיינע חברים, און האט גרויס צער פון דעם, און די נקמה איז איהם מורא'דיג זיס, ווייל דאס איז זיין איינציגסטע באורואיגונג'ס מיטל."

"**דעריבער** א מענטש וואס האט די כח אפצולאזן דאס וואס זיין נאטור פאדערט פון איהם, און ער איז א מעביר על מדותיו, און האט נישט פיינט דער וואס האט איהם שלעכטס געטוהן, און ער נעמט נישט נקמה און א געלעגענהייט וואס ער וואלט ווען געקענט נקמה נעמען, און ער האלט אפי' נישט די פיינטשאפט אין הארץ נאר ער פארגעסט פון אלעם כאילו עס וואלט גארנישט געווען - אזא איינער איז אן אמת'ע שטארקע און פעסטע מענטש, און ער איז געגליכן צו די מלאכי השרת, וואס האבן בכלל נישט די אלע מדות". עכ"ל.

"..."דעריבער א מענטש וואס האט די כח אפצולאזן דאס וואס זיין נאטור פאדערט פון איהם, און ער איז א מעביר על מדותיו, און האט נישט פיינט דער וואס האט איהם שלעכטס געטוהן... אזא איינער איז אן אמת'ע שטארקע און פעסטע מענטש, און ער איז געגליכן צו די מלאכי השרת..."

**מען** דארף אבער וויסן די מאמר חז"ל (מכילתא יתרו) אויף די פסוק קוֹל ה' בַּכֹּחַ (תהלים כט, ד) לויט די כח פון א יעדעם איינעם באזונדער, און די באשעפער קומט דאך נישט פאדערן קיין זאכן פון כלל ישראל וואס עס איז נישט מעגליך פאר זיי אויסצופירן, קומט דאך אויס א אויב די באשעפער פאדערט פון די אידישע קינדער - פון קליין ביז גרויס - זיך אויפצופירן אויף אן אופן וואס די מסילת ישרים דריקט זיך אויס אויף דעם אז דאס איז 'גרינג פאר מלאכי השרת', דאס ווייזט ווי רייך און גרויס און וויפיל כוחות ליגט אין די נשמה פון א יעדן איד, און אויב וויל מען קען מען זיך מתגבר זיין מקיים צו זיין די מצוה 'ואהבת לרעך כמוך' פשוטו כמשמעו, אזוי ווי די מסילת ישרים שרייבט.

**אין** ספר **לב אליהו** (פון די גאון ר' אלי' לופיאן זצ"ל) ווערט אויך ארויסגעברענגט די פונקט, ווי ער שרייבט ווי פאלגענד: "זאלסט נישט קיין טעות האבן און זגן אז דאס איז נאר א 'מדת חסידות', דאס איז א מצות עשה און לא תעשה מדאורייתא, די מצות עשה פון ואהבת לרעך כמוך, און די מצות לא תעשה פון לא תקום ולא תטור, און אזוי ווי די מסילת ישרים שרייבט אז עס דארף זיין כמוך ממש, אוועקנעמען אלע הרגשות כאילו עס וואלט גארנישט געווען, און ווערן זיין בעסטן פריינד, דאס פאדערט די אייבערשטער פון אונז. און עס איז באמת וואונדערליך ווי גרויס זענען די כוחות וואס די אייבערשטער האט איינגעפלאנצט אין כלל ישראל, אשר בחר בנו הקב"ה מכל עם ורוממנו מכל לשון", עכ"ל.

**» ווי אזוי איז מעגליך זיך צו דערהייבן פון די 'זיסע טעם פון נקמה'?!**

**די** שאלה איז נאר, ווי אזוי קומט א מענטש אן צו די מדריגה, זיך אפצוהאקן פון 'די נקמה וואס איז זיס ווי האניג' - אזוי ווי די מסילת ישרים איז דאס מגדיר, און אויסרייסן די פיינטשאפט וואס איז איינגעקריצט געווארן אינעם הארץ פונעם מענטש. ווי אזוי קען דער מענטש צוקומען צו א מצב אז ער וועט שולט זיין אויף זיין עקשנית'דיגער הארץ, נישט נקמה צונעמען ווען עס וועט איהם אינטער קומען א געלעגנהייט.

**אויפן** זעלבן אופן, שטייט אין **ספר החינוך** מסביר צו זיין אט די מצוה פון נקימה ונטירה, ווי ער שרייבט (אין מצוה רמא) ווי פלגענד: "פון די שרשים פון די מצוה, אז א מענטש זאל וויסן און צולייגן קאפ, אז אלעס וואס עס געשעהט מיט איהם, פון גוטס ביז שלעכטס, איז אלעס א סיבה פונעם אייבערשטן, און א מענטש קען נישט טוהן פאר קיינעם נישט גארנישט, אן דעם אז דער אייבערשטער זאל דאס וועלן. דעריבער ווען א מענטש טשעפעט איהם און איז איהם מצער, זאל ער וויסן ביי זיך, אז זיינע עבירות האבן גורם געווען דעם צער, און דער אייבעשטער האט דאס גוזר געווען אויף איהם. דעריבער זאל ער נישט אנפאנגען טראכטן ווי אזוי ער קען זיך נוקם זיין אין יענעם, ווייל יענער איז בכלל נישט די סיבה פארוואס ער האט באקומען די צער, נאר זיינע עבירות, און אזוי ווי דוד המלך ע"ה האט געזאגט ווען שמעי בן גרא האט איהם געשאלטן הַנִּחוּ לוֹ וִיקַלֵּל כִּי אָמַר לוֹ ה' (שמואל ב' טז, יא)", עכ"ל.

**אזוי** עס שטייט אין **רד"ק**, בשם זיין רבי'ן **ר' סעדיה גאון**, פשט אויפן פסוק וואס דוד המלך זאגט (תהלים מא, יא) אוֹיְבַי יֹאמְרוּ רַע לִי מָתַי יָמוּת וְאָבַד שְׁמוֹ וְאַתָּה ה' חָנֵּנִי וַהֲקִימֵנִי וַאֲשַׁלְּמָה לָהֶם, אז די ווערטער 'ואשלמה להם' איז פשט, "איך וועל זיי באצאלן גוטס אנשטאט שלעכטס, אזוי ווי דער אייבערשטער וויל פון מיר, און אזוי ווי ער זאגט נאכדעם בְּזֹאת יָדַעְתִּי כִּי חָפַצְתָּ בִּי, און דאס איז די ווערטער פונעם אייבערשטן (בפרשתינו) לֹא תִקֹּם וְלֹא תִטֹּר אֶת בְּנֵי עַמֶּךָ".